# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשיות **נח - לך לך** תשפ״ב ◆ עלון מס׳: **74**

## דברים שבלב

### אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

## די בעסטע געשעפט אין די וועלט!

ווי אזוי קען זיין אז כ'האב דערלייגט פון טון א גוטער זאך?

מערערע מאל אין לעבן טרעפט זיך א מענטש מיט די שאלה אין די הענט און טרעפט נישט פאר איר די תשובה. עס געשעט אין אלע מיני וועגן. א איד דארף דרינגענד גיין אויף א באגעגעניש אבער צו זיין דארט צייטליך מוז ער פארציכטן אויף תפילה בציבור. דער איד באשליסט אז ניין! איך וועל ליבערשט דאווענען ווי א איד. ער שפעטיגט און טרעפט זיך מיט א פארמאכטער טויער.

צומאל וועט ער אויסוועלן א לענגערע וועג ווייל די וועג האט ווייניגער נסיונות אין שמירת עינים אבער קומט אן א מינוט צו שפעט און האט דערלייגט די באגעגעניש.

עס איז אויך דא פעלער ווען א איד זעט קלאר דער פארדינסט פון זיך האלטן ערליך און אפגעהיטן. די 'השגחה פרטית' ליניע אויף די שפראכן אידיש, לשון הקודש און ענגליש איז פול מיט געשיכטעס ווי אידן דערציילן ווי אזוי אדאנק זיך האלטן ערליך האבן זיי פארדינט בכפל כפליים, אבער נישט אלעמאל זעט מען עס קלאר, קעגן יעדע מעשה וואס א איד דערציילט אז ער האט געזען איז דא אסאך מעשיות ווען אידן האבן נישט געזען.

ווי אזוי קען עס זיין? מיר ווילן פארשטיין אבער דער ענטפער דערויף איז אז דא קומט אריין די נושא פון אמונה פשוטה. א איד דארף האבן אמונה פשוטה אז ער האט געטון די ריכטיגע זאך, אפילו אז ער זעט נישט גלייך די תוצאה פון די זאך.

ביים סוף פון שער הבטחון רעכענט דער בעל חובת הלבבות אויס די צען לשונות פון בטחון. צווישן זיי טרעפט זיך דער לשון פון 'חיכוי'. דער אפטייטש פון 'חיכוי' איזווארטן און האפן. א טייל פון דער בטחון פון א איד איז דער וויסן אז ער האט געטון א גוטער זאך און ווארטן און האפן אז עס ווארט אים אפּ א גוטער שכר אויף יענער וועלט, אפילו אז ער זעט עס נישט יעצט מיט זיינע אויגן.

צו באצייכענען דער שכר באנוצט זיך דער רבי מיט די ווערטער **ראוי הוא לחסד הבורא עליו בנועם העולם הבא.** וואס איז דער באדייט פון בנועם עולם הבא? דאס איז א סוד עליון אז אפילו דער חכם מכל האדם שלמה המלך האט עס נישט געקענט משיג זיין.

דער מדרש שוחר טוב רעכענט אויס דריי זאכן וואס אויך פאר'ן חכם מכל האדם שלמה המלך האט מען נישט מגלה געווען. איינס פון די זאכן איז דער סוד פון פרה האדומה פארוואס זי איז מטמא טהורים און מטהר טמאים. די צווייטע זאך איז דער סוד ווען וועט זיין דער קץ הגלות און די דריטע איז דער שכר וואס מען באקומט פאר א מצוה.

אויף יעדער פון די דריי האט אים השי״ת געענטפערט אן אנדערע תשובה. אויף די שאלה פון פרה האדומה האט אים השי״ת געזאגט ער זאל עס מאכן בתמימות. אויף די שאלה פון דער קץ האט אים השי״ת געזאגט דער פסוק אין דניאל יום נקם בליבי און אויף די שאלה פון דער שכר המצוה האט אים השי״ת געענטפערט מיט'ן פסוק אין תהלים [לא, כ] מה רב טוב אשר צפנת ליראיך, אז דער שכר בעולם הבא איז צפון און באהאלטן נאר זיינע יראים.

ווען דער נביא אין ישעי' רעדט פון דער שכר וואס עס איז אנגעגרייט לעולם הבא נוצט דער פסוק די ווערטער 'עין לא ראתה אלקים זולתך יעשה למחכה לו'.

אין דער פסוק טרעפט מען צוויי נקודות. איין נקודה באטאנט אז א מענטש האט נאך אין זיין לעבן נישט געזען די שכר הצפון. די סיבה דערצו איז ווייל א בשר ודם אויף די וועלט קען נישט משיג זיין דער שכר וואס איז אנגעגרייט לעולם הבא אבער עס איז אויך דא די נקודה פון דער 'מחכה'.

בלויז פאר'ן זיצן און ווארטן צו באקומען דער שכר באקומט מען שכר. א איד דארף האבן אמונה אז דער שכר ליגט אוועקגעלייגט פאר אים אפילו ווען יעצט זעט ער נישט די שכר וואס איז גרייט פאר אים, דער באשעפער וויל פון אים די אמונה פשוטה און פאר יעדער ברעקל אמונה פשוטה אז ער האט געטון די ריכטיגע זאך אפילו די תוצאה אויף די וועלט איז פארקערט וועט ער באקומען שכר לעולם הבא.

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א בריוו וואס יעדער איד דארף זען!

טאנצענדיג מיט א שמחה די הקפות פון שמחת תורה, קומט צו מיר צו א איד און זאגט מיר מיט איין שמחה אז דער השגחה פרטית ליניע האט ממש געטוישט זיין לעבן.

"איך גיי אדורך אסאך שוועריגקייטן אין מיין לעבן און די טעלעפאן-ליניע האט מיר ממש געראטעוועט".

איך האב זיך באדאנקט פאר די גוטע ווערטער און איינוועגס האב איך אים געזאגט אז היינט איז דאך א גרויסער טאג און כ'ווינטש אים אז אדאנק דער היינטיגער טאג זאל זיך אלעס איבערדרייען ביי אים לטובה, פון היינט און ווייטער זאל אים אלעס גיין גוט.

צו מיין וואונדער זאגט ער מיר צוריק:

"עס דארף נישט 'גיין' גוט עס איז שוין היינט אלעס גוט".

איך בין געווארן צומישט. עס גייט אים גוט אדער עס גייט אים נישט גוט? דער איד האט מיר נישט געלאזט ווארטן צו לאנג און געגעבן צו פארשטיין דער אויספיר:

"עס איז מיר זייער שווער אבער די שיינע שיעורים האט מיר ליכטיג געמאכט אין די אויגן. היינט פארשטיי איך אז אלעס וואס גייט אריבער אויף מיר איז ריינע חסדים פון השי״ת. דער באשעפער טוט עס עקסטער ווייל ער וויל מיר גוטס טון".

דער איד האט עס געזאגט מיט אזא ריינקייט אז עס האט מיר מורא'דיג באנומען. נישט נאר איז ער מקבל די יסורים באהבה נאר ער דאנקט אויף זיי. שטייענדיג אין אזא טאג ווען כלל ישראל ענדיגט די עבודה פון תשרי און כידוע איז די עבודה פון תשרי אנצוקומען צו די דרגה פון אין עוד מלבדו, שטייט פאר מיר א איד וואס זיין גאנצער וועזן שרייט אויס איין זאך: עס איז נישט דא אויף די וועלט עפעס אויסער השי״ת און וואס ער טוט איז די בעסטע וואס עס קען זיין! דאס איז א געוואלדיגער זאך און אן עקסטערע חסד וואס השי״ת טוט מיט אונזער דור!

זייער אסאך מאל אין לעבן ווען עס באטרעפט א איד שוועריגקייטן פרעגט ער זיך די פראגע פארוואס קומט עס מיר? ער איז זיכער ביי זיך אז השי״ת וויל אים מעניש זיין פאר די עבירות וואס ער האט עובר געווען אין זיין לעבן אבער דער בליק איז נישט ריכטיג. דער באשעפער שטראפט נישט זיינע מענטשן אויף די וועלט, עס איז נישט קיין עונש, עס איז א ריינע אהבה.

לעצטנס האב איך זיך באגעגנט מיט א מורא'דיגער בריוו וואס עס האט געשריבן דער באקאנטער צדיק רבי אשר פריינד זצ״ל. דער צדיק שרייבט א בריוו פאר א איד וואס מאכט מיט שוועריגקייטן און ער טרייסט אים דארט אז ער זאל חלילה נישט טראכטן אז השי״ת שיקט אים די יסורים ווייל ער וויל אים מעניש זיין נאר ווייל השי״ת וויל אים מקרב זיין צו זיך, ער טוט עס פאר אים מרוב אהבה.

דער שטיקל וואס ער שרייבט דארט איז א שטיקל וואס יעדער איד דארף זען:

"די מטרה פון די יסורים וואס מיר גייען אריבער איז חלילה נישט ווי א פאטש אין פנים פאר אונז אויף דער וועג ווי אזוי מיר פירן זיך אויף".

איינגערינגלט לייגט ער צו: ביטער וואלט ווען געווען אונזער גורל אויב השי״ת וואלט געגעבן פעטש פאר אונז אויף די שלעכטע מעשים וואס מיר טון, אפילו נאר א א פראצענט פון א פראצענט פון די מעשים.

נאר וואס? לייגט ער צו אין דעם בריוו.

דער באשעפער מיט זיין גרויסער רחמנות שיקט אונז די ווייטאגן און די דרוקענישן אז מיר זאלן זיך דערוועקן און זיך מדבק זיין אין אים באמת. איי וועסטו פרעגן פארוואס? דאס איז נישט פאר אונז צו פארשטיין און באגרייפן. מיר דארפן וויסן איין זאך: מאת השם היתה זאת, היא נפלאת בעינינו וכגבוה שמים מארץ כן גבהו דרכי מדרכיכם.

דער תכלית פון א איד איז אז מען זאל וויסן דער השם הוא האלקים אז וואס עס זעט אויס ווי מידת הדין איז איין שטיק רחמים און אין עוד מלבדו און דער איד וועמען איך האב באגעגנט שמחת תורה האט עס אויסגעשריגן מיט אזא מתיקות. דער איד איז אזוי זיכער אין דעם. אים דארף מען נישט געבן צו פארשטיין. ער ווייסט עס שוין. זיין אמונה איז אזוי שטארק אז אלעס ביי אים שיינט און לייכט.

א גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## אין דער זעלבער נאכט

פאר יארן לאנג בין איך אן עסקן. איך שטיי אין פארבינדונג מיט אידן פון אויסלאנד און פון זיי באקום איך געלט אויסצוטיילן פאר אידן אין ארץ ישראל.

איבעראל קען מען זען דער יד השם אבער דא זעט מען עס אויף אן אבנארמאלע וועג. מען זעט בחוש ווי אזוי פאר ווער עס קומט זיך קומט אן געלט און אין די ריכטיגע מינוט און פאר וועמען נישט - נישט.

אין א טאג באקום איך א טעלעפאן קאלל פון א געוויסער איד אין אויסלאנד. ער דערציילט מיר אז ער האט פאר מיר צוויי טויזנט דאלער פאר א געוויסער צוועק און אויסערדעם האט ער ביי זיך א טשעק פון $7500 פאר א געוויסער כולל יונגערמאן פון ארץ ישראל.

דער סומע איז א שיינער סומע. איך בין געווארן נייגעריג ווי אזוי איז עס אנגעקומען צו דעם איד און גריבלנדיג האב איך געהערט די מעשה דערונטער די געשיכטע.

די רעדע איז פון א בן תורה וואס זיצט על התורה ועל העבודה. ער שטייט פאר'ן חתונה מאכן א קינד און ער האט גארנישט ביי זיך. זוכנדיג פאר געלט האט ער באשלאסן אז פאר השתדלות וועט ער מאכן אפאר טעלעפאנען אין אויסלאנד.

ער האט א באקאנטן אין אויסלאנד. ער האט אים אנגעקלינגען און געזאגט פאר יענעם אז ער מאכט חתונה צי ער קען אים העלפן? דער אויסלענדישער איז נישט עקסטער פארמעגליך. ער האט געטראכט אז ער גייט אים שאפן עטליכע הונדערט דאלער, מער ווי דעם האט ער נישט.

יענער נאכט קומט דער אויסלענדישער יונגערמאן אין שול. ער וויל לערנען אין א שול ווען ער הערט א שמועס צווישן צוויי אידן. איינער זאגט פאר'ן צווייטן איך וואלט ווען געוואלט געבן פאר א איד וואס מאכט חתונה די זעלבע נאכט ווי איך, אבער עס זאל זיין א בן תורה, א חשוב'ער פערזענליכקייט.

דער יונגערמאן האט פארשטאנען אז דער זיך צוהערן די שמועס איז מן השמים. נאכ'ן לערנען איז ער צוגעגאנגען צו דעם איד און נאכ'ן מברר זיין ווען ער מאכט חתונה, האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז דער זעלבער טאג ווי יענער מאכט חתונה.

מען האט מברר געווען די פרטים און ענדע איז דער זאך צושטאנד געקומען. דער איד האט געשיקט די סומע פון $7500 פאר דעם בן תורה.

## פון מוותר זיין פארדינט מען נאר!

ווען כ'בין אלט געווארן אכצן יאר בין איך געווען זיכער אז ווי אנדערע בחורים אין מיין עלטער וועל איך זוכה זיין אויפצושטעלן מיין שטוב אין א קורצער צייט אבער פון הימל האט מען אנדערש געוואלט.

אינדערצייט וואס אלע מיינע ארומיגע זענען געווארן חתנים איינער נאך די אנדערע בין איך געבליבן זיצן אין שטוב. עס איז געווען ווייניג הצעות און אויך פון די ביסל האט זיך גארנישט געמאכט.

די יארן זענען געלאפן און פון א יונגער בחור בין איך געווארן אן אלטער בחור. פון מיין פענסטער בין איך געשטאנען און זיך צוגעקוקט זייטיג ווי אזוי מיינע חברים געבוירן קינדער און מאכן א ברית, טראגן די קינדער אין חדר, מאכן א חאלאקע און איך....

מיט די יארן האב איך פארלוירן דער טעם פון זיצן אין ישיבה. איך בין אריבער פון ישיבה צו א כולל און צו ארבעטן א האלבער טאג, ווען כ'בעט ביים רבוש"ע אז דער גליקליכער טאג זאל שוין קומען צוגיין.

איך בין נישט דער יונגסטער בחור אין שטוב. נאך מיר אין די רייע איז דא נאך קינדער און ווען איך בין געבליבן שטעקן האט עס אויטאמאטיש געמיינט אז כ'בין אין וועג פאר די אנדערע געשוויסטער.

מיין יונגערע שוועסטער איז אונטערגעוואקסן. זי איז שוין געווען אין די עלטער פון שידוכים און מען האט איר אנגעטראגן הצעות און מיינע עלטערן זענען אריין אין א דילעמע.

פון איין זייט האבן זיי זייער געוואלט אז כ'זאל א חתן ווערן אבער מצד שני איז דער זיצן אוןווארטן נישט געווען קיין אויסוועג. מען האט באשלאסן אז מען גייט מיר פרעגן וואס כ'זאג און מיין ענטפער איז געווען א קאטאגארישער ניין.

מיט דער גאנצער מאכט האב איך גע'טענה'ט אז אזא זאך קומט נישט אין באטראכט! דער שידוך האט זיך ווייטער גערעדט. עס איז נישט אראפ פון טיש. אבער אזוי לאנג ווי איך האב נישט געגעבן מיין צושטימונג איז עס נישט געקומען אין באטראכט.

א האלבער יאר איז אריבער פון דעמאלטס! איך האב נישט געקענט פועל'ן ביי מיר. נישט גענוג אז איך בין אן אלטער בחור דארף איך נאך ווערן געהיפערט פון א שוועסטער. ווער וועט מיר וועלן נעמען? אן אלטער בחור און אויך א געהיפערטע?

מיינע עלטערן האבן מיר פארשטאנען. מען האט זיך גערעכנט מיט מיינע געפילן און נישט געלייגט קיין דרוק. אויך מיין שוועסטער האט ארויסגעוויזן פארשטענדעניש, טראץ וואס זי איז שוין אויסגעאנגען צו ווערן א כלה.

אין א טאג האב איך דערהאלטן א טעלעפאן קאלל פון א בארימטער רב וועלכער איז זייער נאנט צו אונזער משפחה. דער רב האט מיר געקלינגען און נאך א לאנגער צייט רעדן צו מיר האט ער מיר איבערגעצייגט אז 'פון מוותר זיין דערלייגט

## 18 חוליות

מיט א שטיק צייט צוריק איז אוועק פון דער וועלט דער באקאנטער דאקטאר ר' אלי שוסהיים ז"ל.

איך בין געווען נאנט מיט אים. פון צייט צו צייט פלעג איך באזוכן ביי אים. מיט א שטיק צייט צוריק האב איך באזוכט ביי אים און זיך באקלאגט פאר אים אז אין די לעצטע שטיק צייט לייד איך פון רוקן ווייטאג, און עס איז שוין א לענגערע צייט וואס כ'זוך דערפאר א רפואה.

אזוי שמועסנדיג מיט אים רופט ער זיך אן צו מיר, אז ער האט פאר מיר א רפואה:

"חז"ל זאגן אז די אכצן ברכות פון שמונה עשרה זענען קעגן די אכצן חוליות וואס א מענטש האט אין זיין שדרה. ווען א מענטש האט שוועריגקייט אין די שדרה, עס טוט אים וויי, זאל ער בודק זיין וואס עס טוט זיך מיט זיין שמונה עשרה. ווי אזוי עס זעט אויס. דער ליידענדער זאל בודק זיין סיי די שטילע שמונה עשרה און סיי די הויכע שמונה עשרה. צומאל איז נאך וויכטיגער דער הויכע שמונה עשרה. ביי די הויכע שמונה עשרה זענען אסאך זיך מקיל. מען קוקט עס אן ווי א ליידיגע צייט. מען לייענט גליונות אדער מען לייגט די תפילין פון רבינו תם. די בעסטע סגולה פאר רוקן ווייטאג איז גוט אויסהערן די הויכע שמונה עשרה, ענטפערן אמן און ערליך זאגן מודים דרבנן".

נו, אז דער דאקטאר זאגט, פאלגט מען! איך האב אנגענומען זיין עצה. מיט דער פולער ערנסטקייט האב איך אנגעהויבן אויסהערן די הויכע שמונה עשרה און צו מיין וואונדער אז עס האט נישט געדויערט לאנג און מייע ווייטאגן זענען פארשווינדן געווארן פון מיר.

זאל די מעשה און די ערציילונג זיין לעילוי נשמתו.

## אויף מיר האט ער געווארט

איך וואוין אין די שטאט בית שמש. עס איז געווען אין די פארלאפענע זומער וואכן ווען איך בין געווען אין ירושלים עיה"ק אויף א ספעציעלער כינוס. דער כינוס האב זיך אנגעהויבן פארנאכטס און זיך געשלאסן אין די שפעטע נאכט שעה'ן.

זייענדיג א גרויסער כינוס האט מען צוגעשטעלט א באזונדערע טראנספארטאציע פאר די איינוואוינער פון בית שמש. ווען דער כינוס האט זיך געענדיגט האב איך זיך געגרייט ארויפצוגיין אויפ'ן באס וועלכער פירט קיין בית שמש צוריקצופארן אהיים.

א רגע איידער כ'בין ארויף אויפ'ן באס האב איך זיך דערמאנט אז איך האב נאכנישט געדאווענט קיין מעריב. ביי מיינע עלטערן אין שטוב איז דא א קבלה אז מען פארט נישט ארויס פון א שטאט איידער מען דאווענט מעריב.

דער באס האט שוין געהאלטן ביים ארויספארן. דער זאל איז געווען אויסער'ן געגענט. דער נסיון איז געווען גרויס אבער ענדע האב זיך געשטארקט. אין די לעצטע רגע בין איך צוריק אריין אין זאל און זיך געשטעלט דאווענען מעריב.

וויאזוי וועל איך אנקומען אין שטוב? האב איך זיך געפרעגט אבער איך האב זיך געטרייסט אז השי"ת האט זיך שוין זיינע וועגן. אין מיין מח איז מיר דורכגעלאפן א געדאנק אז השי"ת איז א כל יכול ער קען מיר צושטעלן א פריוואטע קאר וואס זאל מיר אהיימפירן.

איך קום ארויס פון זאל און כ'זעה ווי א איד זעצט זיך אריין אין זיין קאר.

וואו דארפסטו? פרעגט מיר דער איד.

"קיין בית שמש".

"נו, איז דאך גוט, קום אריין, איך פאר אויך אהין".

איך האב געזען ווי פון הימל זארגט מען זיך פאר מיר.

## אויך אין א זייטיגער געסל

אין וויליאמסבורג האט פאר יארן לאנג געוואוינט אן ערליכער און אן אפגעהיטענער איד מיט'ן נאמען ר' מרדכי זאלינסקי זצ"ל.

אמאל האט זיך געמאכט אז ר' מרדכי האט געדארפט פארן אויף מאנהעטן מיט זיין זון אויף א מעדצינישע באהאנדלונג. די באהאנדלונג האט זיך געענדיגט און די צוויי זענען ארויס אויפ'ן גאס צו זוכן א טעקסי צוריקצופארן קיין וויליאמסבורג.

דער באהאנדלונג איז פארגעקומען אויף א שטילער און א זייטיגער גאס און זוכנדיג א טעקסי האט דער זון פון ר' מרדכי פארגעשלאגן פאר זיין פאטער אז ער זאל ארויסקומען מיט אים אויף דער הויפט

גאס, דארט וועט מען גרינגער קענען טרעפן א טעקסי.

די גאסן פון מאנהעטן זענען שטייגערליך פול מיט פריצות. ר' מרדכי האט געזאגט פאר זיין זון אז ניין! עס קומט נישט אין באטראכט. זיי וועלןווארטן דא און השי"ת וועט זיי שוין אונטערשיקן א וועג אהיים.

דער זון האט גע'טענה'ט אז דאס איז אוממעגליך אבער דער טאטע איז געווען איינגעשפארט. עס האט נישט געדויערט לאנג און עס פארט אדורך א איד. ער געבט זיי א פרעג צי זיי דארפן ערגעץ אנקומען? ר' מרדכי האט געזאגט אז ער דארף קיין וויליאמסבורג. דער איד האט זיי איינגעלאדענט מיטצוקומען מיט אים.

"אז מען היט זיך די אויגן שיקט דער רבוש"ע צו א קאר ביז'ן טיר". האט ר' מרדכי געזאגט פאר זיין זון.

## א נאגעל פון הימל

ווען כ'האב באשלאסן אז כ'גיי זיך באזעצן אין ארץ ישראל האב איך געוואוסט אז איינס פון די שוועריגקייטן וואס ווארטן מיר אפ איז דער זיך צוטרעפן א גוטע דירה וואו צו וואוינען.

עס איז שוין יארן לאנג וואס מיין פרוי תחי' איז צוגעבינדן צו א רעדער-בענקל. זי קען נישט גיין אויף אירע אייגענע פוס און וועגן דעם דארף זי א דירה וואו דער אריינגאנג איז צוגענגליך, מען קען אנקומען מיט א פארקינג לאט און אויך צופארן צו די דירה דארף מען האבן א שטיקל וועג ארויף אזוי אז צו טרעפן א צוגעפאסטער דירה פאר איר איז נישט פון די לייכטע זאכן.

אבער בחסדי שמים האבן מיר זיך געטראפן א פיינע דירה. די דירה איז געווען אויסגערישט מיט אלע צוגעהערן און מיר האבן זיך איינקווארטירט אין איר.

די דירה איז געווען א געדינגענע. מען האט געשריבן קאנטראקט אויף עטליכע יאר און מיר האבן זיך באזעצט אין איר. פאר עטליכע יאר האבן מיר געלעבט במנוחה. איין טאג קאללט מיר אריין דער אייגענטומער פון די דירה, ער זאגט מיר אז ער דארף צוריק די דירה און אז מיר זאלן זיך אנהייבן זוכן א צווייטע דירה.

דער מעלדונג האט מיר געטראפן זייער שווער. וואס וועל איך יעצט טון? זייענדיג פארקלעמט בין איך געפארן צום כותל המערבי און זיך דארט אויסגעוויינט.

נאך איידער איך בין אנגעקומען אהין האט מיר א חבר געגעבן א נוסח התפלה ספעציעל צו טרעפן א דירה. איך האב עס געזאגט ביים כותל זיבן מאל מיט גרויסע בכיות, בעטנדיג ביי השי"ת זאל מיר מזמין זיין א גוטע דירה.

פלוצלונג שפיר איך ווי עפעס אן אייזערנער חפץ איז אראפגעפאלן נעבן מיר. איך האב געהאט די הרגשה אז דער חפץ האט עפעס מיט מיר. איך האב זיך אראפגעבויגן צו די ערד און עס אויפגעהויבן, עס איז געווען א נאגעל, איך האב עס אריינגעלייגט אין טאש ווען כ'זאג פאר מיר אז בעזר השם ווען דער טאג וועט קומען און כ'וועל זיך אריינציען אין מיין אייגענע דירה וועל איך אויף הענגען דער נאגעל נעבן דער זכר לחורבן סימן ביי די וואנט אלץ אנדענק פון די גרויסע ישועה וואס איך האב דא געהאט.

פון די תפלה בין איך אהיימגעקומען דערמוטיגט און אויפגעפרישט. איך בין געווען זיכער אז השי"ת האט געהערט מיין געבעט און נישט צו פארגעסן מיין קבלה האב איך אריינגעשטעקט די נאגעל אין א צעטיל שרייבענדיג דערויף די ווערטער אז ווען כ'וועל אריינגיין אין מיין אייגענע דירה וועל איך עס אריינלייגן אין די וואנט צוזאמען מיט דער זכר לחורבן.

פון יענעם טאג האבן מיר געוואוינט אין די דירה נאך גאנצע פיר יאר. דער לענדלארד האט ווי פארגעסן פון די דירה. נאר נאך פיר יאר האט ער זיך צוריקגעקערט און מיר געבעטן אז ביז א האלבער יאר זאל איך פארלאזן די דירה.

אין יענעם טאג האט השי"ת צוגעפירט אז כ'האב זיך באגעגנט מיט א מודעה ווי עס שטייט אויפגעשריבן אז מען פארקויפט דא נייע הייזער. איך האב זיך פארבינדן מיט זיי און זיי האבן טאקע געהאט א דירה פאר מיר.

די דירה האט געהאט אלע מעלות. אלעס וואס כ'האב געדארפט האט מען געקענט טרעפן דארט און מען האט געשריבן א קאנטראקט.

דורכבלעטערנדיג אלע דעטאלן פון די געביידע האב איך אן אויפהער באגעגנט מיט איין דאטום. דער דאטום איז מיר געווען קענטליך. ווען כ'האב געפרעגט וואס האט פאסירט אין דעם טאג האבן מיר די קאנטראקטער דערציילט אז אין דעם טאג האט מען אנגעהויבן בויען די געביידע.

דער טאג איז מיר געווען קענטליך. בלעטערנדיג אין מיינע ארכיוון האב איך אנטדעקט דער סוד. אין דעם טאג בין איך געווען ביים כותל און אין דעם טאג איז אראפגעפאלן נעבן מיר דער נאגעל.

יעצט האב איך פארשטאנען אויף צוריקצוועגס דער באדייט פון דעם נאגעל. עס איז געווען א צייכן פון הימל אז היינט האט מען אנגעהויבן די בויערײ אויף דעם שטח.

בשעה טובה בין איך אריין אין די דירה. איך האב איינגעהאלטן מיין הבטחה און אריינגעלייגט דער נאגעל אויפ'ן ארט אלץ סימן אז השי"ת הערט אויס מיינע געבעטן.

מען נישט'.

קענסט קיינמאל נישט וויסן - אפשר טאקע פון דא וועט קומען דיין ישועה!

ער האט גערעדט מיט געפיל און צו דער זאך אז איך האב גערופן מיינע עלטערן און זיי געזאגט אז פון מיין זייט קענען זיי גייען ווייטער מיט'ן שידוך פאר מיין שוועסטער. די שמחה איז געווען אומבאשרייבליך. מען האט געמאכט דער שידוך.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז מיין נייער שוואגער האט זיך באקענט מיט מיר, זעענדיג ווער איך בין איז אים איינגעפאלן א שידוך פאר מיר. ער האט זיך אריינגעלייגט פאר מיינעטוועגן אין די לענג און אין די ברייט און נאך איידער די תנאים פון מיין שוועסטער בין איך געווען א חתן.

וואונדערליך צו זען ווער עס איז געווען מיין שדכן און אז פון מוותר זיין פארדינט מען נאר...

## ערשט דאווענט מען!

עס איז געווען אין א צייט ווען צוליב ארומיגע זאכן האב איך זיך געהאט פארגענומען אז כ'גיי זיך שטארקן אין דער געביט פון דאווענען תפילה בזמן.

אין יענער צייט האב איך מיטגעלעבט א מורא'דיגע איבערלעבעניש. אין א טאג, נאכ'ן ארויסשיקן די קינדער אין חדר, גיי איך ארויס פון שטוב און כ'וויל אויפשפארן מיין קאר צוגיין פארן אין שול און אט זעה איך די אומגלויבליכע, אויף מיין קאר איז דא א גרויסער אייזן.

איך וואוין אין לאנדאן. ווער עס איז אביסל באקאנט מיט די לאנדאנער הלוך ילך ווייסט אז אן אייזן אויף א קאר איז נישט קיין צופאל. עס מיינט אז דו ביסט שולדיג געלט פאר א פירמע און אזוי לאנג ווי דו וועסט נישט מסדר זיין וועט דיין קאר זיין אין געפעגעניש.

זייטיג צו דער אייזן איז געלעגן א טעלעפאן נומער מיט אן ערקלערונג פאר וועמען איך קום די געלט. איך בין טאקע געווען פארמישט אין די פרשה אבער עס איז געווען דער חוב פון די פירמע, נישט קיין פריוואטער חוב.

די גרופעס וואס לייגן ארויף די סארט אייזן זענען געפארפולע חברה. עס איז אזוינע מיט וועמען מען הייבט נישט אן. איך האב זיי געקלינגען און זיך גע'טענה'ט מיט זיי אז עס איז נישט איך, דער שולד איז נישט מיינער, זיי האבן געזאגט אז זיי ווילן באווייזן דערויף.

דער פארהאנדלונג האט אנגעהאלטן א שטיק צייט. עס האט אויסגעזען ווי כ'טאפ א וואנט, אבער דאן האב איך זיך א כאפ געגעבן אז איך האלט נאך פאר'ן דאווענען און פאר'ן דאווענען איז מען נישט עוסק אין אזוינע זאכן, איך האב באשלאסן אז זאל זיין וואס עס זאל נאר זיין, ערשט גייט מען דאווענען.

זייענדיג קאר'לאז האב איך באשטעלט א טעקסי און זיך געלאזט אין שול אריין. ביים דאווענען האב איך פארלאשן מיין סעל טראכטנדיג אז יעצט קען מען סייווי נישט גארנישט טון און זיך געשטעלט דאווענען מיט די פולסטע מאס רואיגקייט.

נאכ'ן דאווענען האב איך געלייגט רבינו תם'ס תפילין און ממשיך געווען מיט מיין סדר היום ווען ערשט נאכמיטאג האב איך זיי אנגערופן און זיך איינגע'טענה'ט מיט זיי.

צו מיין וואונדער האב איך זיך נישט געדארפט לאנג טענה'ן, זיי האבן אנגענומען מיין טענה זאגנדיג אז איך האב רעכט און נאך יענעם טאג זענען זיי געקומען אראפנעמען דער אייזן.

ווער עס קען די זאכן ווייסט אז עס איז ממש למעלה מדרך הטבע, די גרופע זענען גרויסע עקשנים, איך האב געשפירט אז ביי מיר איז עס געווען אין זכות פון די תפלה בציבור.

## נעם זיך אונטער - צו עסן כשר

איך בין איינגעשטעלט אין א ישיבה שוין אסאך יארן. מיט בערך פופצן יאר האט פאסירט אין די ישיבה א מורא'דיגע מעשה.

בשעתו האב איך זיך פארצייכענט די מעשה און יעצט איז געקומען די צייט איך זאל עס פארשפרייטן, אפשר וועיל מיר שטייען אין א שמיטה יאר, א צייט ווען מען דארף זיך מחזק זיין אין שמירת הכשרות.

די מעשה איז געווען אז ביי אונז אין די ישיבה האט געלערנט א בחור וואס איז געקומען פון ארגעטינא. דער בחור האט דערציילט אז מיט עטליכע יאר פריער איז זיין באבע אוועק פון די וועלט. נאך איר פטירה איז זי געקומען צו זיין מאמע אין חלום און איר אנגעגעבן אויף א געוויסער דאטום זאגנדיג אז אין דעם טאג גייט זי איר קומען אפנעמען און מיטנעמען מיט איר צו יענע וועלט.

די דאטום וואס זי האט געגעבן איז געווען א גוי'אישער דאטום. די מאמע האט זיך זייער דערשראקן. פרעגנדיג א רב וואס זי זאל טון האט ער איר געזאגט אז ווייל זי נוצט א גוי'אישער דאטום דארף זי זיך נישט זארגן.

אבער צו דער באשטימטער טאג איז זי געקומען. זי האט געזאגט אז זי וויל איר נעמען. די מאמע האט זיך איינגעבעטן אז זי האט נאך קליינע קינדער. זי האט געזאגט אז זי גייט פרעגן און עטליכע טעג איז זי צוריקגעקומען זאגנדיג אז זי זאל זיך פארנעמען צו היטן כשרות און אזוי ארום וועט זי ניצול ווערן.

די מאמע האט זיך פארגענומען. פון דעמאלטס האט זיך איר שטוב געטוישט מקצה אל הקצה.

פון דעמאלטס און ווייטער איז אריבער צוועלף יאר און אלעס איז געווען אין ארדענונג. אינצווישן זענען אירע קינדער אונטערגעוואקסן. אירע קינדער זענען געגאנגען לערנען אין א ישיבה און דער בחור איז אנגעקומען צו אונז אין די ישיבה.

צוועלף יאר שפעטער חלומ'ט זיך די מאמע ווי זי זעט איר זון עסן נישט קיין כשר'ע עסן. די חלום איז געווען שבת. אין די ערשטע געלעגנהייט ווען זי האט געקענט קלינגען האט זי געקלינגען איר זון און געפרעגט דער באדייט.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז איר זון האט געגעסן אין די ישיבה פלייש וואס האט געהאט א גוטער הכשר אבער צוליב חילוקים אין קהילות איז ביי זיי געווען איינגעפירט אז מען פירט זיך אז מען עסט עס נאר נאך א געוויסער בדיקה.

און די קליינינקייט האט דער מאמע מרגיש געווען....

# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

עס מאכט זיך זייער אפט אז מענטשן פרעגן מיר צי איך האב צו בארגן פאר זיי געלט. עס איז א מצות עשה אין די תורה צו בארגן געלט פאר אנדערע אבער כ׳ווייס ביי מיר אז אויב איך וועל פארבארגן די געלט וועל איך מוזן בארגן געלט פאר מיר פון אנדערע. איך ווייס אז הלכה׳דיג איז מען נישט מחוייב צו בארגן אין אזא פאל אבער מיין שאלה איז צי א מידת החסידות איז יא דא?

שאלה נומער 26

י.ר.ה., מודיעין עילית

## זיי זיך אליין בוחן

**הרב אביגדור פרידמאן פון בני ברק, הרב אהרן בייפוס פון רכסים:** כדי מען זאל קענען ריכטיג ענטפערן דיין פראגע פאדערט זיך אז מען זאל דיר קענען פערזענליך. דער וועג וואס דו האסט זיך אויסגעוועלט איז א ספעציעלער וועג. עס איז דא ווייניג וואס פירן זיך אזוי ווי דיר. ווען מען באטראכט גרינטליך די וואס פירן זיך אזוי וועט מען טרעפן צווישן זיי צוויי סארטן. עס איז דא די סארט אידן וואס זענען אזוי אויסגעארבעט אין די מידה פון אמונה און בטחון אז זיי קענען זיך פירן אזוי, אבער עס איז אויך דא די סארט וואס קענען נישט זאגן ניין און ווען מען בעט זיי געבן זיי נאך אלעס וואס מען בעט זיי. דו דארפסט זיך גוט בוחן זיין צו וועלכער קאטאגאריע דו געהערסט. א גוטער וועג ווי אזוי דו קענסט זיך בוחן זיין איז צי די זאך שטערט דיר אדער די ארומיגע פון דיר. אויב עס שטערט דיר איז א צייכן אז דו געהערסט נאכנישט צו די דרגה און עס איז נישט אויסגעהאלטן אז דו זאלסט זיך אריינלאזן אין אזא נסיון.

**הרב דוד לייפער פון ירושלים, האב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** די מצוה פון בארגן געלט פאר ארעמעלייט איז א גרויסער מצוה. עס איז מסוגל צו ברענגען פאר׳ן מענטש אסאך שפע ווי דער פסוק זאגט כל היום חונן ומלווה וזרעו לברכה. אבער מען דארף גדענקען אז ווען עס רעדט זיך פון צדקה זענען דיינע בני בית די ערשטע אין די רייע, נאר אויב עס קומט נישט אויפ׳ן חשבון פון די שטוב זאל מען זיך פירן אזוי.

**הרב מרדכי הכהן מלאכי פון ביתר:** דיין שאלה קען מען ענטפערן מיט די ווערטער פון דעם הייליגן גר״א: הכל לפי אומץ לבו ובטחונו בהשם יתברך - אלעס וועט זיך ווענדן ווי שטארק און גרויס דיין בטחון אין השי״ת איז! דיין התנהגות זאגט עדות אז דיין בטחון איז גענוג שטארק און אין אזא פאל פאסט זיך אז דו זאלסט זיך פירן מיט די מידת החסידות וואס דו פירסט זיך. אין ספר מכתב מאליהו געבט ער אן א סימן אז א מענטש זאל זיך קענען מעסטן צי ער איז שוין אויף די דרגה צי נישט. זיין סימן איז צי אויב דער מענטש באקומט נישט וואס ער טראכט צו באקומען כתוצאה פון די גוטע התנהגות וועט עס אים נישט בארירן נאר ער וועט בלייבן ווייטער מיט זיין גוטע התנהגות.

## צדיק חונן ונותן

**הרב יהושע לעווי פון ירושלים:** די מצוה פון פארבארגן פאר א איד ווען ער איז אן ענגשאפט איז א געוואלדיגער מצוה. אויסער די מצוה וואס מען איז מקיים איז מען אויך זוכה אז מען ווערט דורכדעם שטערקער אין די מידה פון בטחון, ווייל מען פארלאזט זיך אז השי״ת וועט מזמין זיין פאר׳ן מענטש אלעס וואס ער דארף אין די צייט ווען ער דארף האבן די זאך.

**הרב זלמן חדש פון אלעד:** דער מידת החסידות האט נישט קיין גבול. אז מען האט גבולות קומט אויס אז מען קען קיינמאל נישט מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים. נאר אויב עס גרעניצט זיך נישט מיט קיין אפענער הפסד איז גוט אז מען זאל זיך פירן אזוי. דער געדאנק טרעפן מיר אין רש״י [בבא מציעא ל״ג ד״ה כל המקיים] אז א איד זאל זיך אריינלייגן מקיים צו זיין חסד אויך לפנים משורת הדין אויסער אויב עס רעדט זיך פון אן אפענער הפסד, ווייל אויב ער וועט אייביג מדקדק זיין צי ער קען יא צי ער קען נישט וועט ער קיינמאל נישט קענען מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים און דער סוף וועט זיין אז ער וועט מוזן זיין א נצרך לבריות.

**הרב מרדכי חיים רפאלי פון ירושלים:** דיין שאלה שמועסט שוין אויס דער הייליגער חפץ חיים אין זיין ספר אהבת חסד [פ״א יב] ער זאגט דארט אז מיט די מצוה פון הלואה איז א איד נאר מחוייב ווען ער האט די געלט דערפאר אין זיין האנט. אויב דער איד האט נישט די געלט מזומן בידו איז ער נישט מחוייב צו גיין בארגן פון אנדערע צוגיין טון חסד מיט אנדערע! אבער, ער פירט אויס אז דאס איז נאר מצד הדין, מצד החסד איז יא דא אן ענין זיך צו פירן אזוי. פון דעם זעט אז מען מצד הדין איז נישט דא קיין חיוב צו טון אזא זאך, אבער מצד החסד איז יא דא אן ענין צו טון אזא זאך.

**הרב יהושע כהן פון ירושלים:** חז״ל זאגן שוין [שבת קנח] כל המרחם על הבריות מרחמין עליו מן השמים. אויב דו ביסט אנגעקומען צו אזא דרגה אז דו טוסט חסד מיט אנדערע אפילו ווען דו אליין האסט נישט איז זיכער אז פון הימל וועט מען רחמנות האבן אויף דיר אז דו וועסט נישט דארפן אנקומען צו אנדערע און מען וועט דיר מזמין זיין אלעס וואס דו דארפסט ווען דו דארפסט עס.

**הרב יעקב הללזון פון נתניה, הרב ברוך פישער פון ירושלים:** חז״ל זאגן אין מסכת יבמות [דף ס״ג] המלוה סלע לעני בשעת דחקו עליו הכתוב אומר [ישעיהו נח, ט] אז תקרא והשם יענה, און אסאך מפרשים זענען מפרש אז דער דחקו גייט נישט ארויף אויפ׳ן עני נאר אויפ׳ן מלוה אז ווען ער בארגט פאר א צווייטן ווען עס איז אים ענג איז ער זוכה צו די געוואלדיגע מעלה אז והשם יענה - השי״ת וועט ענטפערן וואס ער בעט. דערפון זעט מען אז ווען איינער בארגט פאר אן אנדערער ווען עס איז אים ענג איז ער זוכה צו די געוואלדיגע מעלה אז ווען ער רופט צו השי״ת איז ער זוכה אז השי״ת ענטפערט וואס ער בעט.

## שאלה פאר גליון 76

איך בין זיך זייער משתדל צו לעבן מיט אמונה און בטחון. מיין צוגאנג צו יעדער זאך אז מען דארף זיך נישט זארגן אויף גארנישט ווייל השי״ת וועט שוין מסדר זיין פאר אלעס וואס כ׳דארף אויף דער בעסטער פארנעם. איך לעב מיט דעם טאג און נאכט אבער ווען עס קומט אריינצוברענגען די זאך אין שטוב ביי מיין פרוי און די קינדער גלייכן זיי נישט דער מהלך. זיי קוקן עס אן ווי איך בין נישט א מציאות׳דיגער מענטש און כ׳וואלט זייער געוואלט הערן א מהלך ווי אזוי קען איך ארייננברענגען די זאך אין מיינע קינדער. איך שפיר פאר וויכטיג צו באצייכענען אז כ׳ארבעט פאר השתדלות אבער מיט דעם אלעם וויל איך מחזק זיין דער נושא אין שטוב און געוואלט הערן פון אייך ווי אזוי מען קען עס ארייננברענגען אין שטוב.

י.ב. ירושלים


**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 > 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת וירא. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**


# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה״צ ר׳ יהודה מאנדעל שליט״א פון לעיקוואד

# דארפסט א ישועה? האב בטחון!

יעדער איד דארף זיך ארומדרייען אויף די וועלט צופרידן. צי איז עס א קלייניגקייט ביי דיר? מיר זענען בנים יחידים צום בורא כל העולמים! דער ידיד נפש און דער אב הרחמים איז אונזער פאטער. צי איז דא עפעס וואס דער בורא כל העולמים קען נישט טון פאר אונז? עס איז נישט דא קיין שום גרעניץ ביי השי״ת. ממש לעצטענס האט מיר איינער איינגעלאדענט איך זאל קומען אנטיילנעמען אין א שלום זכר וואס ער מאכט פאר זיין קינד, די עלטערן זענען שוין אלט 49 יאר און זיי האבן געהאט א קינד. היפלא מהשם דבר? מיט א האלבער יאר צוריק האט א פרוי אין די עלטער פון זעכציג געהאלדזט איר ערשטער קינד....

גארנישט איז נישט צי שווער ביי השי״ת.

עס האט מיר דערציילט דער גאון וצדיק ר׳ דן סגל שליט״א אז צוליב איין געוויסער מעשה וואס ער האט מיטגעלעבט האט ער זיך גענומען דינען השי״ת מיט אלע זיינע כוחות. די מעשה האט פאסירט מיט זיין ברודער. זיין ברודער איז שווער פארוואונדעט געווארן אין זיינע פוס. ווען מען האט אים געברענגט אין שפיטאל האבן אלע דאקטורים פה אחד געזאגט אז עס איז נישט דא קיין אנדערע ברירה מען מוז אפשניידן זיין פוס!

די דאקטורים האבן אים באוויינט. דער קינד איז נאך יונג. וואס וועט זיין מיט אים? ווען מען האט עס איבערדערציילט פאר הגה״צ ר׳ יחזקאל לעווינשטיין זצ״ל האט ער געלאכט.

וואס ווייסן די דאקטורים? דער בורא כל העולמים איז א כל יכול. עס איז טאקע אזוי געווען. זיין ברודער איז געזונט געווארן און איז געבליבן מיט ביידע פוס און גייט היינט אויף זיי ווי יעדער מענטש. אז מען וויל א ישועה ווענדט זיך עס אין אונז אליין. אז מען האט בטחון און אמונה פועל׳ט מען א ישועה.

אין דבר העומד בפני הבטחון!

א יונגערמאן איז געקומען צו מיר, וואס ער האט אסאך מיטגעמאכט מיט צער גידול בנים. זיינע קינדער האבן זיך ליידער אראפגעגליטשט פון דעם ריכטיגן וועג. איינער פון די קינדער האט אויך געהאט גייסטישע שוועריגקייטן און אים אויסצוהיילן האט געקאסט אסאך געלט. דער איד האט זיך אויסגעוויינט פאר מיר. איך האב איך אים געזאגט איין ווארט בטחון, בטחון, בטחון, שרעק זיך נישט אפ פון די אלע מעשיות, האב בטחון.

דער איד האט אנגענומען די עצה. עס האט נישט געדויערט לאנג און אלעס האט זיך אוועקגעשטעלט פון זיך אליין. די קינדער האבן זיך צוריקגעקערט צום אמת׳ן וועג און איך האב זיך אפילו באטייליגט ביי איינער פון זייערע חתונה׳ס.

ניסים גלוים. עס איז נישט דא קיין גבול וויפיל ניסים מען קען פועל׳ן דורך בטחון.

נאך א מעשה. א איד האט זיך באקלאגט פאר מיר אז מען וויל אים פארשיקן פון שטוב. וואס איז געשען? עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער איד האט חתונה געהאט מיט א פרוי וואס האט אסאך מיטגעמאכט אין אירע יונגע יארן. די שטוב ווי זי האט זיך ערצויגן איז געווען זייער שטרענג. זי האט נישט געקענט דערליידן די שטרענגקייט און האט באשלאסן אז ביי איר אין שטוב וועט מען נישט זאגן קיין שטרענג ווארט אדער א שלעכטע ווארט פאר די קינדער. וואס זיי ווילן וועט מען זיי נאכגעבן. דער סארט התנהגות האט געברענגט שוועריגקייטן. די קינדער האבן זיך דערקייקעלט און ווען דער טאטע האט פראבירט איינצושטעלן אין שטוב א שטיקל סדר האט מען אים באטראכט ווי דער שלעכטער טאטע און אים געוואלט פארשיקן פון שטוב.

א דערביטערטער איז דער איד געקומען צו מיר. וואס טוט מען? פרעגט ער מיר. איך האב אים אויך געזאגט די זעלבע זאך: בטחון! דער איד האט עס מקבל געווען. נאך אפאר וואכן קומט ער צו מיר אן אויפגעלאכעטענער. וואס איז געשען? ער האט זיך מקבל געווען בטחון און די שטוב האט זיך געטוישט.

דער טויש איז געווארן נאכדעם וואס ער האט געזאגט עפעס. וואס האט ער געזאגט? ער האט געזאגט אז השי״ת איז א כל יכול! מען דארף זיך פארלאזן אויף אים! די ווערטער האט יעדן געפאלן אין שטוב און מען האט אים פלוצלונג אנגעהויבן ארויפקוקן אין שטוב. דער גאנצער באציהונג האט זיך געטוישט צו אים.

ווען עס איז געווען וואלן אין אמעריקע האבן זיך אלע געקאכט. יעדער האט געזאגט מען דארף וועלן פאר אים ווייל ער וועט זיין גוט פאר אידן. אנדערע האבן גע׳טענה׳ט אז דער צווייטער וועט זיין בעסער פאר אידן. איך האב געזאגט איך וועל אויס השי״ת! ער איז דער בעסטער פרעזידענט, ער וועט זיין די בעסטע צו אידן.

די שיעורים פון הרה״צ ר׳ יהודה מנדל שליט״א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 > 2 [נאכן אויסוועלן די שפראך]

## א פרטיות׳דיגע השפעה

### מצד די באטעמער

איך בין א שטענדיגער צוהערער פון דער השגחה פרטית ליניע און כ׳האב דערפון אסאך חיזוק. איין טאג האב איך געהערט ווי איינער דערציילט אויפ׳ן ליניע אז אזוי ווי עס איז דא אזא זאך ווי מצוה גוררת מצוה איז דא אזא זאך ווי השגחה גוררת השגחה. איך האב עס ארייגענומען אין קאפ אריין און כ׳זעה איין מער און מער אז עס איז אמת. ביז היינט האב איך געמיינט אז די קלייניגקייטן זענען זיך מסדר פון זיך אליין און נאר ביי די גרויסע זאכן זעט מען די השגחה העליונה. היינט זעה איך איין אז אויך ביי די קלייניגקייטן איז דא השגחה פרטית. מען געבט זיך נישט קיין ריר אן די השגחה העליונה און איינמאל מען זעט עס איין זעט מען עס מער און מער.

### מצד די געבער

א לאנגער צייט האט מיין מאן געזוכט א דזשאב. נישט טרעפנדיג האט ער זיך אונטערגענומען אז אויב ער וועט טרעפן וועט ער געבן א חומש פאר השגחה פרטית פון די געהאלט וואס ער וועט באקומען. א קורצער צייט נאכדעם האט ער זיך געטראפן א דזשאב און יעצט וויל איך געבן דא דער חומש.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה״ק צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

רוף יעצט אריין: 02.6313.742

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
|---|---|---|
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | ׳שער הבטחון׳ |



ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט קלינגט אריין אין אפיס

02-5866-075

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס״ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש


דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה